UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Der Shimen Vizental Tsenter In Los Andzsheles/ The Simon Weisenthal Center in Los Angeles

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/5bq686gm

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

Author
Samuel Weiss, Shmuel Vays/

Publication Date
1981

Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

שמואל ווייס

# דער שמעון וויזענטאַל צענטער אין לאָס אַנדזשעלעס

## פֿאַר דעם אָנדענק און שטודיום פֿון יידישן חורבן

ווען איך האָב זיך געגרייט צו האָבן אַן אינטערוויו מיט דעם גייסטיקן און פּאַקטישן פֿאַרוואַלטער פֿון דעם וויזענטאַל־צענטער אין לאָס אַנדזשעלעס, ראַביי מאַרווין הייער, בין איך געווען אַביסל אומרואיק, הגם דאָס איז ניט געווען מיין ערשטער צייטונג־געשפּרעך מיט אַ פּראָמינענטן פֿירער פֿון אַ יידישער בילדונג־אינסטיטוציע. אָבער ס׳איז געווען מיין ערשטע דערפֿאַרונג צו האָבן אַ וויכּוח מיט איינעם פֿון די אַנערקענטסטע יידישע פּערזענלעכקייטן אין דער שטאָט מיט אַ נאַציאָנאַלער רעפּוטאַציע, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן.

דער ציל פֿון מיין געשפּרעך מיט ראַביי הייער האָט געזאָלט זיין צו געפֿינען אַן ענטפֿער אויף זייער אַן אָנגעווייטיקטער פֿראַגע אינעם יידישן כּלל: פֿאַרוואָס האָט די חשובֿע ינסטיטוציע, וואָס טראָגט דעם נאָמען פֿון איינעם פֿון די הויך־רעספּעקטירטע פּערזענלעכקייטן אינעם יידישן לעבן, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען ווי דער ענערגישסטער מענטש אויסצוזוכן און ברענגען צום משפּט די מערדערס פֿון זעקס מיליאָן יידן, פֿאַרוואָס האָט ער צו דעם־אָ שוידערלעכן חורבן אין דער יידישער געשיכטע צוגעטשעפּעט פֿינף מיליאָן ניט־יידישע קרבנות פֿון די נאַצי־שחיטות? מיר זען דאָך לעצטנס אַלץ אָפֿטער אין די אָפֿיציעלע מאַטעריאַלן פֿון דעם וויזענטאַל־צענטער דעם ציפֿער פֿון עלף מיליאָן קרבנות פֿון נאַצישן מאַסן־מאָרד.

צי ווערט ניט פֿאַרשוועכט דער הייליקער אָנדענק פֿון אונדזער חורבן דורך אָנהענגען פֿינף מיליאָן ניט־יידן וועלכע זיינען אפשר ניט ווייניקער געפּייניקט געוואָרן פֿון די נאַצישע רוצחים ווי אונדזערע 6 מיליאָן קדושים.

און פֿאַרוואָס עפּעס בלויז 5 מיליאָן ניט־יידן? פֿאַרוואָס ניט אויך אַריינרעכענען די מיליאָנען בכלל וועלכע זיינען אומגעקומען אין דער לעצטער וועלט־מלחמה מיט דייטשלאַנד, וואָס איז דאָך געווען די בלוטיקסטע אין דער מענטשלעכער געשיכטע?

צי ווילן מיר ניט דורך אויסברייטערן דאָס בלוטיקע פֿעלד פֿונעם נאַצישן מלאך המוות אין די זעקס יאָר צווישן 1939 און 1945 ניט העלפֿן פֿאַרקלענערן דעם גרויזאַמען חורבן אונדזערן אין וועלכן אַ דריטל פֿון אונדזער פֿאָלק איז פֿאַרשניטן געוואָרן?

און ווער האָט דאָס עפּעס אָפּגעציילט די 5 מיליאָן ניט־יידישע ליטווינער, פּאָליאַקן, אוקראַינער, טשעכן, סלאָוואַקן אונגאַרן און אַנדערע ניט־יידישע פֿעלקערשאַפֿטן וואָס אַ טייל זיינען דאָך געווען היטלערס משרתים אין דעם בלוטיקן ספּעקטאַקל. פֿאַרוואָס זאָלן זיי דערמאָנט ווערן אינאיינעם מיט די 6 מיליאָן יידישע מענער, פֿרויען און קינדער?

האָבן דען ניט די גרעסטע צאָל פּאָליאַקן געהאָלפֿן פֿאַרברענען דעם דריי־מיליאָניקן יידישן ישוב אין פּוילן כּדי צו ירשענען דאָס עשירות וואָס יידן האָבן אין משך פֿון טויזנט יאָר דורך זייער פֿראַצע און פֿעאיקייטן אָנגעזאַמלט? וואָס פֿאַר אַ שותּפֿים זיינען זיי דאָס אונדז אין אונדזער חורבן־אָנדענק?

אָט אַזוי מיט אַ ביטער האַרץ און אפשר איבערגעטריבענער נערוועזיטעט האָב איך זיך געגרייט צו דעם אינטערוויו אין דעם שמעון וויזענטאַל אָנדענק־צענטער אין דעם בנין פֿון דעם ישיבֿה־אוניווערסיטעט אויף פּיקאָ בולוואַרד.

* * * * *

עס איז אַן אַלטער כּלל: עס איז לייכטער צו שטעלן פֿראַגעס ווי זיי צו פֿאַרענטפֿערן. דער מענטש וואָס פֿרעגט איז אין אַ בעסערער לאַגע אויסצודריקן זיין צאָרן ווי דער וואָס דאַרף ענטפֿערן. אָבער שוין ביי דעם ערשטן וואַרעמען יידישיידישלעכן שלום־עליכם האַנט־דרוק פֿון ראַביי הייער איז צעשמאָלצן געוואָרן די אייז־מחיצה. פֿאַר איך איז געשטאַנען

אַן אידעאַלער יידישער יונגערמאַן, וואָס זעט אויס ווי אַ היימישער ישיבה־בחור, וועלכער עסט „טעג" ביי אָרעמע שטעטל־דיקע באַלעבאָסטעס, ווי עס איז געווען דער שטייגער אין דער אַלטער היים. אַ אַדרת־פּנים, אַ ייד וואָס דריקט אויס דעם יידישן פֿאָלקס־צער פון אונדזער מאַרטירער־געשיכטע.

אין דער געמיטלעכער סביבה פון דער ישיבה־ביבליאָטעק, אַרומגעשטעלט מיט ביכער פון יידישן חורבן, האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער שקלא־וטריא. אָבער לאָמיר לאָזן דעם חשובן ראַביי הייער ריידן:

„מיר לעבן אין אַ וועלט פון גויאישע שכנים און מיר קענען ניט און דאַרפן ניט פון זיי זיך אָפּזונדערן. מיר פאַרבעטן אָפט צו אונדזערע טרויער־פאַרזאַמלונגען פאָרשטייער פון דער מלוכה, פאַרטרעטער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, סענאַטאָרן, קאָנגרעסלייט און אַנדערע פאָרשטייער פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. קענען מיר זיך אָפּהאַלטן פון דערמאָנען, אַז עס זיינען אויך געווען ניט־יידן וואָס האָבן געליטן פון נאַצישע רוצחים? וועט עס זיין מאָראַליש גערעכט?

און איז עס פאַר אונדז געזונט אַוועקצושטעלן אַ וואַנט צווישן אונדז און אונדזערע גויאישע שכנים טאַקע אין דער באַציונג צו דער נאַצישער מאָרד־מגיפה? אין אונדזער קאַמף מיטן נאַציזם בלויז אַ מלחמה צווישן יידן און נאַצים? אויב אַזוי קענען דאָך אַ טייל גויים זאָגן: „עס איז דאָרט בלויז אַ שטרייט צווישן יידן און נאַצים, זאָל זיין אַ פּלאָג אויף ביידן, וואָס גייט עס אונדז אָן; מיר דאַרפן זיך גאָר ניט אַריינמישן."...

„מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן אַז ווען היטלער ימח שמו וואָלט היינט געלעבט וואָלט ער זיך ניט אַוועקגעזעצט אויף פענסיע. ער וואָלט ניט רעטייערט. ער וואָלט ווייטער געשפּונען זיינע מאָרד־פּלענער סיי קעגן דעם רעשטל יידן וואָס איז לעבן געבליבן און סיי קעגן אַנדערע פעלקערשאַפטן.

„מיר זען דאָך שוין היינט אַ ווידעראויפלעבונג פון נאַצישע לאָזונגען און פון נאַצישע מעשים. דאַרפן מיר דען ניט האָבן די הילף פון דער אַרומיקער וועלט צו באַקעמפן די נייע אַנטיסעמיטישע מגיפה? קענען מיר און דאַרפן מיר דאָס טאָן אַליין?

„מיר טאָרן ניט אונדזער קאַמף קעגן נאַציזם פאַרענדיקן בלויז מיט די יאָרלעכע טרויער־אַקאַדעמיעס, ווייל דאַן וועלן מיר פאַרזונקען אין אַן האָפענונגסלאָזן פעסימיזם. מיר מוזן שטאַרקן אונדזערע האָפענונגען אויף דער צייט ווען נאַציזם וועט אויפהערן זיין אַ וועלט־פּראָבלעם און דאָס קענען מיר נאָר דורך דערקלערן אונדזער קאַמף קעגן נאַציזם ווי אַ וועלט־קאַמף, וואָס ער איז עס דאָך טאַקע געוואָרן, אין סעפּטעמבער, 1939 און ער איז עס נאָך ביזן היינטיקן טאָג."

* * * * *

אונדזער באַגעגעניש האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שפּאַציר איבער דעם שמעון וויזענטאַל מוזעאום, אינעם קעלער פון דעם רחבותדיקן בנין פון דעם ישיבה־קאַלעדזש — אַ קורצער שפּאַציר איבער דעם לאַנגן יסורימדיקן וועג פון יידישער מאַרטיראָלאָגיע אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

דאָס איז ניט געווען מיין ערשטער באַזוך אין דעם דאָזיקן מוזעאום און אויך ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב געזען די בילדער פון טראַגישן יידישן אומקום. דעם טיפסטן איינדרוק האָט אויף מיר און מיין פרוי געמאַכט אונדזער באַזוך אין דעם חורבן־מוזעאום אויפן הר־ציון אין ירושלים מיט עטלעכע יאָר צוריק. אפשר ווייל מיר האָבן דאָ געזען די בילדער פון יידישן חורבן צום ערשטן מאָל אָדער אפשר מחמת דער אַטמאָספערע און דער היסטאָרישער נאָענטקייט מיט דעם חורבן פון בית המקדש. אָבער דער שמעון וויזענטאַל מוזעאום איז אויסגעשפּרייט אויף אַ גרעסערן שטח. ער אַנטהאַלט נייע זאַמלונגען פון חורבן־סימבאָלן און ער מאַכט אַן איינדרוק מיט דער איינגנאַרטיקייט פון זיין געבוי.

איר גייט אַריין אין אַ כמעט פינצטערן קעלער. די ווענט זיינען קוים באַלויכטן און עס דוכט זיך אייך ווי שאָטנס פון טויטע מענטשן וואָלטן דאָ אַרומגעבלאָנדזשעט. אָט אַזוי האָבן מן הסתם אונדזערע עלטערן און נאָענטע געזען זייער לעצטן וועג אין די גאַז־קאַמערן. אין האַלב־באַלויכטענע גלעזערנע קאַסטנס,

אויסגעהאָנגענע ווי לאַמטערנעס אין איי־גנאַרטיקע פאַרמען, זעט איר בילדער פון די לאַגערן און קרעמאַטאָריעס.

אויף טישן לענג־אויס פונעם קעלער זעט איר אַ שטיק פאַרבלוטיקטן פאַרמעט, אָפּגעריסן פון אַ האַלב־פאַרברענטע ספר תורה, וואָס אַן אַלטער סופר, ערגעץ אין איינע פון די טויזנט יידישע שטעטלעך אין פוילן האָט מיט אַזוי פיל צערטלעכ־קייט און קדושה אויסגעשריבן די שוואַר־צע שריפט, ברענט אייך אין די אויגן. דוכט זיך טויטע אותיות און זיי ברענען אייך אויס די אויגן. אַ יונגער מאַן האָט אפשר צו זיין בר מצוה צום ערשטן מאָל געלערנט ווי אַנצוטאָן זיינע תפילין אָדער אפשר זיינען זיי צום לעצטן מאָל באַ־נוצט געוואָרן. די רציעות זיינען צעריסן. וועמען האָט עס געאַרט אַז די לעדערנע פאַסן זאָלן בלייבן גאַנץ?

איר זעט אַ גרויסע וואַנט־מאַפּע מיט די נעמען פון יידישע שטעט אין פוילן מיט דער צאָל יידן וואָס האָבן דאָרט גע־לעבט פאַר דעם חורבן און די צאָל וואָס איז פאַרבליבן. און מיט אַמאָל גיט אייך אַ ריס אַ רויטע שיין: אַ קונסט־בילד אויף וועלכן עס איז אויסגעמאָלן אַ ברענענ־דיקער באַרג און דורך די פלאַמען פון דעם רויכנדיקן באַרג — אומצייליקע, אין ווייטאָג־געקורטשעטע פנימער פון יידי־שע מענער און פרויען.

דער וויזענטאַל־מוזעאום האָט 3 ביב־ליאָטעקן מיט אַ סך ביכער פון חורבן, אָבער לײדער זייער ווייניק יידישע ביכער — די שפּראַך אויף וועלכער עס האָבן גערעדט און געזונגען יידן אין פוילן. פאַרוואָס אַזוי ווייניק ביכער דורך וועלכע יידישע קהילות האָבן געשטעלט מצבות אויף זייערע פאַרשניטענע שטעט? פרעג איך דעם פאַרוואַלטער פונעם מוזעאום. „אדרבא, דערקלערט מיר ראַביי הייער, ווענדעט זיך צו אייערע לייענער, זאָלן זיי אונדז אַריינשיקן וואָס מער פון די יזכור־ביכער וואָס זיי גיבן אַרויס. מיר וועלן זיי געהעריק אָפּהיטן.‟

דער מוזעאום פירט אָן אַן אינטענסיווע אַרבעט אַריינצוציען די תלמידים פון דעם ישיבה־קאַלעדזש, וועלכער איז אַגב אַן אָפיציעל אנערקענטע לערן־אינסטיטוציע מיט פּרעסטיזש אין דער אַקאַדעמישער וועלט אין דעם שטודיום פונעם חורבן.

אין דרויסן פון דעם ישיבה־בנין איז אויסגעבויט דער „מעמאָריעל־פּלאַזאַ‟: אַ פּירעקיקער שטח אין וועלכן עס שטייען זעקס שוואַרצע זיילן מיט אָפּגעבראָכענע שפּיצן, סימבאָלן פון די האַלב־חרובע שטעט, יידישע שטעט, און אַ נר־תמיד. פון צייט צו צייטן ווערן דאָ אָפּגעהאַלטן יזכור־פאַרזאַמלונגען. דאָס דוכט מיר איז אַ מער פּאַסיקער פּלאַץ פאַר אַן אָנדענק־אסיפה ווי די העל־באַלויכטענע זאַלן ווו עס ווערן געפּראַוועט די מייסטע יזכור־אַקאַדעמיעס. לײדער קאָנען זיך פאַרזאַמ־לען אויף דעם מעמאָריעל־פּלאַזאַ בלויז אַרום צוויי הונדערט מענטשן.

* * * * *

די אידעע פון אַריינרעכענען פינף מיליאָן ניט־יידישע קרבנות פון נאַציזם אין דער רשימה פון אונדזער חורבן וועט טראַץ אַלע טרעפלעכע טענות פון ראַביי הייער ניט קענען אַריין אין דער נשמה און גע־מיט פון דער יידישער באַפעלקערונג. ניט אין אַמעריקע און ניט אין די תפו־צות. אין ישראל וווּ דער יום השואה איז אַ נאַציאָנאַלער געדענק־טאָג וועט מען געוויס ניט דערמאָנען די ניט־יידישע קרבנות פון נאַציזם.

דער ציפער פון פינף מיליאָן איז אפילו פון דעם שטאַנדפּונקט פון שאַצונגען גענומען פון דער הוילער לופט. עס האָט נישט קיין שום באַזיס. ווער קען שאַצן די צאָל ניט־יידן וואָס קענען אַריינגע־רעכנט ווערן אין דער קאַטעגאָריע פון די גענאָסייד קרבנות ווי עס איז דער פאַל מיט די זעקס מיליאָן יידן, וועלכע זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן לויט אַ פאַרויס באַשטימטן פּלאַן פונעם „דריטן רייך‟.

יידישע אָרגאַניזאַציעס, צווישן זיי דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט, זיינען שוין היפּשע עטלעכע יאָר באַמיט אויסצוווירקן אַז עס זאָל אָנגענומען ווערן אַן אינטער־נאַציאָנאַלער געזעץ קעגן „גענאָסייד‟ (פעלקער־מאָרד) אַלס אינסטרומענט אין צווישן פעלקערלעכע סיכסוכים איבער דער וועלט. אין דאָזיקן האָבן מיר לײדער ביז היינט ניט געוווּנען די עפעקטיווע מיטהילף פון ניט־יידישע פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע פירער. ווער ווייסט צי מיר וועלן אָט די מיטהילף געווינען אפילו

## משה שקליאַר

# באַרג-אַראָפּ

די אָזיערע לאָקט מיט איר טיף,
די אָזיערע וויגט זיך — אַ שיף,
וואָס שניידט דורך דעם אייזיקן שטראָם
און ס'עפנט דער שטראָם זיך — אַ תהום,
וואָס ציט דיך אַריין אין זיין מיט,
ווו ס'האָט זיך די זון איצט צעגליט.

און ס'פירט אונדז דער וועג באַרג-אַראָפּ,
צו זון, צו דעם הימלישן בלאָ,
און באַלד וועט אַ פאַל טאָן מיין קאָפּ
אַן אונטערגעהאַקטער צום דנאָ,
גלייך ס'וואָלט אים די שאַרף פון אַ שווערד
פאַרשניטן פון גוף מיין — די ערד.

אַ ווילדן געריוש רוישט דער ווינט
און לויפט פאַר די רעדער פאָרויס,
אַ רגע און מיר זענען בלינד —
אַ דונער, אַ בליץ און אַ שטויס,
אַ בוים און אַ שליידער צוריק — — — —
די אָזיערע בלייבט אינעם בליק.

***

די אָזיערע,
די אָזיערע —
דער זעלבער בלאָ,
די זעלבע זון,
נאָר נישט קיין רעדער דאָ
און נישט קיין באַרג-אַראָפּ —
מיר שיפלען זיך אויף וואַסער-פלאַך
און די יוגנט אין אונדדז קוועלט
און עס לאַכט אין אונדז די וועלט
און דער ווינט האָט זיך צעלאַכט
און עס לאַכן וואַלד און פעלד.

וויפל יאָרן שוין פאַרביי?
צען צי הונדערט,
אייביקייט?
וויפל טרויער, וויפל ווײ,
וויפל וווּנדער, וויפל פרייד?

ווייסע ליליעס וויגן זיך,
בייגן זיך צום וואַסער איין
און דאָס שיפל וויגט זיך מיט,
שניידנדיק די כוואַליעס שיין.

אָט שוין באַלד וועט זיין דער ברעג —
ס'שאָטנט זיך אַ פאַסמע גרין,
נאָר ס'ווייסן וועסלעס זייער וועג
און פירן אונדז אַוועק אַהין,
ווו די אָזיערע זיך שפאַלט —
פון איין זייט פעלד, פון צווייטער — וואַלד.

---

ווען מיר וועלן ציילן עלף אָנשטאָט זעקס מיליאָן קרבנות פון נאַציזם. דערווייל איז עס בלויז אַ יידישער קאַמף קעגן פעלקער-מאָרד. הגם עס רירט אָן די גאַנצע וועלט. (ווי לאַנג איז עס ווי אַ גאַנצער שבט פון אַ פערטל מיליאָן מענטשן אין אַפריקע איז ממש אויסגעקוילעט געוואָרן פון דער רעגירנדיקער מאַכט אין ניגעריע און די וועלט האָט געשוויגן. עס האָט אפילו געשוויגן דאָס „פּאָטערל" אין רוים וואָס פאָרט אַרום איבער דער וועלט צו פּריידיקן קריסטלעכע ליבע).

אפשר איז כדאַי מכּמת העפלעכקייט צו אונדזערע גויאישע שכנים, צו דערמאָנען די קריסטן (קיינער ווייסט ניט ווי פיל) וועלכע זיינען אויסגעמאָרדעוועט געוואָרן פון די נאַציס. מיר וועלן אָבער גאָר ניט דערגרייכן דורך אַריינגעמען אין דעם חשבון פון אונדזער טרויער עלף מיליאָן אָנשטאָט די זעקס מיליאָן יידן. דאָס קען בלויז געבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטיסעמיטן מבטל צו מאַכן דעם נאַצישן מאַסן-מאָרד אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.